מדרגה ד

# אַ רייַזע איבער פּוילן מיט ייִדישע שרייַבער

נאַטאַליע קריניצקאַ

יעדער לייענער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור דערמאָנט זיך מסתּמא ווערק וועגן גרויסע ייִדישע קהילות אין פּוילן, ווי וואַרשע, לאָדזש צי קראָקע. אויפֿן הייַיאָריקן קורס וועלן מיר אַרויספֿאָרן פֿון די גרויסע שטעט אויף אַ רייַזע איבער גאַנץ פּוילן און באַקוקן, דורך די אויגן פֿון ייִדישע שרייַבער, כּלערליי שטעטלעך, דערפֿער און לאַנדשאַפֿטן. אַחוץ פּראָזע און פּאָעזיע וועלן מיר אויך באַטראַכטן בריוו, צייַטונג־אַרטיקלען, שולביכער און טוריסטישע וועגווייַזערס, און זיי פֿאַרגלייַכן מיט די פֿאָרשטעלונגען אין דער בעלעטריסטיק. מיר וועלן זיך באַזונדערש אָפּשטעלן אויפֿן וואָקאַבולאַר, אויף די פֿראַגעס פֿון היימישקייט און פֿרעמדקייט, ווי אויך אויף ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען.